שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך נישט שפעט - כ"א טבת התשפ"א 3:08 PM

---

לכל חברי קהילה קדישא הדין הע"י

שוין באַלד א חודש צוויי וואס איך ליין און איך קוק דא אין דער מקום קדוש. איך האב געליינט האלט און ניי, חדשים וגם ישנים בעבר ובהווה, פון די אלטע חברים און פון די נייע. מיין הארץ איז נתעורר געווארן מיט קנאת סופרים זעהנדיג צענדליגע טייערע יודן, יונגערע און עלטערע, וואס ווילן זיין וואויל און טוהן צו די זאך, זיי רייסן פון זיך שטיקער לשבר את הטבע כדי ריין ווערן און פטור ווערן פון די ביטערע תאוה וואס מאכט חרוב די מענטשט.

איך בין א עלטערע יונגערמאן, און די הויעכע דרייסיג, און איך לייד פון די תאוה שוין בערך 25 יאר! אנגעהויבן אזויווי ביי אסאך דא, אלס יונגער בחור, געשפילט אליין און מיט חברים, בעסערע תקופות שוואכערע תקופות, פארלוירן א טעם אין א מצוה און אין תורה, מיט די צייט אויפגעהערט שפירן א געפיהל און יעדע דבר שבקדושה, תורה תפילה עניני חסידות וכו'. אסאך מאל זענען דורך טעג און וואכן בלי תורה ובלי תפילה. ווען איך האב עס שוין יא געטוהן איז עס געווען נאר ווייל אלע טוהען, כמצות אנשים מלומדה. לכאורה האט דאס אלעס געהאט א שייכות מיט די תאוה וואס האט מיר אויפגעגעסן מבית ומבחוץ.

עס האט אויך געמאכט אזא חומה ארום מיר פון זיין באהאלטן און פארלאשן, זיך דערווייטערט פון מענטשטן און פון חברים, אָן האבן אן אמת'ע קירבה מיט אנדערע - וואס דאס לכאורה איז געקומען כדי באהאלטן די אינעוויינִיגסטע פחדים און חששות און בארואיגן מיינע אויסגעלאשענע געפילן. איך האב נישט געהאט אסאך אמת'ע חברים, ווייל די גאנצע צייט האב איך געלעבט מיט א חשש אז יענער ווייסט אויף מיר וכדומה, און דאס האט מיר געמאכט לעבן מיט חשדנות א גאנצע צייט. מורא האבן פון מענטשטן.

עס האט זיך געצויגן אלע בחורישע יארן וואס זענען ליידער ירדו לטמיון רח"ל. געהאפט אז נאך די חתונה וועט עס בעסער ווערן, אבער א נעכטיגן טאג, מיין גאנצע ציגאנג צום חתונה איז נישט געווען מיט א ריכטיגע וועג. צוליב מיין פארמאכטקייט און דערווייטערטקייט פון מענטשטן האב איך נישט ריכטיג און אמת'דיג אויסגהערט און מקבל געווען וואס די מדריך האט מיר אויסגעלערנט אויף הנהגת הבית בכלליות.

================================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך alefbeisveis - ט"ו טבת התשפ"ב 7:59 PM

---

דער זאגט ער איז אזוי קאלט און טריקן.

דיין שרייבן דעם תגובה איז but anything!!

דיין ווארעמקייט שרייט!

חיזוק קען איך נישט געבן.

================================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט

געמאלדן דורך א. גרין - ט"ז טבת התשפ"ב 1:46 AM

---

וואו איז ער דער נישט שפעט ווען מ'דארף אים אזוי וויכטיג האבן דא ?

איינער האט זיך דא פריער אויסגעגאסן זיין פארוויטאגט הארץ,

מ'האט געקענט ליינען צווישן די שורות אז ער איז זייער נישט צופרידן פון די מצב אין וואס ער איז.

מ'האט שטארק באמערקט אז ער האט זייער רחמנות אויף זיין לויטערע נשמה, זיין חלק אלוק ממעל, וועלכע ליידט נעבעך.

ער וויל אזוי שטארק זיין ריין ! ער וויל אזוי שטארק זיין הייליג !

ער שרייט פון טופענישן פון זיין הארץ

**"טאטע" ! ! !**

ווען מ'זאל מיר ווען האבן דא 'נישט שפעט' אויפן סצענע, וואלט ער שוין זיכער ארייגעשטורעמט מיט שיינע זיסע בארואיגונגס ווערטער, און אריינגעבלאזן הויפענעס חיות און חיזוק, און מיט זיין גאלדענע שפראך און זיסן פעדער אונז אויסגעלערנט צו טראכטן נאר פונעם עתיד, א. א. וו.

אבער אין חבוש מתיר עצמו . . .

כבוד הרב נישט שפעט שליט"א !

מיר קענען נישט וואס דו קענסט, אבער מיר זענען מתפלל פאר דיר !

דער אייבערשטער זאל העלפן, זאלסט שנעל און גרינג אנקומען צו ריכטיגע ריקאוועורי !

==============================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך א. גרין - ט"ז טבת התשפ"ב 2:42 AM

---

לומד געשריבן on כ"א תמוז התשפ"א 2:44 PM:

**צו דיר (בלשון יחיד) מיין טייערע חבר, מיין הארץ איז פיל מיט געפילן יעצט ווען איך שרייב דא, מיינע אויגן זענען נאס. איך ווייס דיין ווייטאג איך האב עס מיטגעמאכט. איך וויל דיר זאגן אז געב נישט אויף. גיי נישט אוועק פון דא פאר דו טרעפסט דיין וועג צו בלייבן ריין. דער ליבער באשעפער וואס האלט מיר ריין און האט מיר ליב עד אין קץ, האט דיר ליב עד אין קץ און גייט דיר האלטן ריין. דו ביסט ווערט סאך מעהר וואס דו געבסט פאר זיך. איך זאג דיר האלט דיר שטארק און חזק ואמץ און דו וועסט דיך שטעלן אויף די פיס.**

==============================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך BeVeryStrong - ט"ז טבת התשפ"ב 11:20 PM

---

אונזער טאטע איז דאך "קל מסתתר"

איז טאקע יעצט ווען אונז זעמיר אזוי במוחין דקטנות לאמיר טאקע רייסן שטיקער פון אונז פאר אונזער טאטעס וועגן! די נחת רוח וואס דער רבונו של עולם האט פון אונז איז אין לשער ולתאר.

ס'איז טאקע נישט א הילף פארן פראבלעם אבער כאטש א שטיקל נחמה אין אונזער שווערע פלאגעניש...

=========================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך נישט שפעט - י"ז טבת התשפ"ב 8:45 AM

---

שכוח פאר אלע חברים אויף די גאר שטארקע אוןווארעמע חיזוק כסדר, דא אין פריוואט.

שוין באמערקט אפאר מאל, אז אסאך וועגד זיך ביי מיר, ווי טארק איך בין מסודר מיט מיין סדר היום, בפרט מיט די שלאפן.

די ראד הייבט זיך אן בדרך כלל מוצאי שבת, ווען נאך א לענגערע שלאף שבת נאכמיטאג גיי איך שלאפן זייער שפעט מוצאי שבת און מ'פאברענגט מיט שטותים.

אבער אויפשטיין צייטליך זונטיג צופרי, מוז איך, ווער איך מיד במשך די טאג, ממילא גייט גארנישט גוט, נישט די ארבעט און נישט דאוונען / לערנען, און מ'איז נערוועז און די גיסטע איז אין די ערד, קומט מען צו לאסט...

ס'קומט זונטיג 3-4 מיטאג ווער איך מיד, לייג איך מיך נאר אויף א שעה, איז שוין ווידער קען מען נישט שלאפן ביינאכט, וכן הלאה וכן הלאה, הגלגל חוזר, חד גדיא חד גדיא.

ווען מ'האט סייעתא דשמיא גייט מען נישט שלאפן בשום אופן מיטאג, דעמאלס מוז מען שלאפן פרי ביינאכט, איז צומארגנס אלעס אנדערש ב"ה.

איך דארף לייגן זייער א שטארקע דגש אויף די ענין כדי איך זאל נישט צוקומען שנעל צו א מצב וואס ברענגט מיט צו נערוועזקייט/אנגעצויגנקייט/מיד'קייט המביא לידי לאסט.

=========================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך שלום אהליך - י"ז טבת התשפ"ב 11:37 AM

---

מרגלא בפומי' דאינשי אז וויסן די פראבלעם איז א האלבע עצה.

אז דו ווייסט וואס די פראבלעם און די שורש פון די עגמ"נ איז איז שוין געוואלדיג, די אנדערע האלב איז טוען די ריכטיגע פעולות די פראבלעם זאל נישט געשען בס"ד, און ווי דו האסט שוין אנגעוויזן אז די עצה פאר די פראבלעם איז נישט זיך אראפלייגן שב"ק נאכמיטאג.

געוואלדיג.

============================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך א. גרין - י"ז טבת התשפ"ב 2:33 PM

---

ניסט שפעט געשריבן on י"ז טבת התשפ"ב 8:45 AM**:**

שוין באמערקט אפאר מאל, אז אסאך ווענד זיך ביי מיר, ווי שטארק איך בין מסודר מיט מיין סדר היום, בפרט מיט די שלאפן.

די ראד הייבט זיך אן בדרך כלל מוצאי שבת, ווען נאך א לענגערע שלאף שבת נאכמיטאג גיי איך שלאפן זייער שפעט מוצאי שבת און מ'פאברענגט מיט שטותים.

אבער אויפשטיין צייטליך זונטיג צופרי, מוז איך, ווער איך מיד במשך די טאג, ממילא גייט גארנישט גוט, נישט די ארבעט און נישט דאווענען / לערנען, און מ'איז נערוועז און די גיסטע איז אין די ערד, קומט מען צו לאסט...

ס'קומט זונטיג 3-4 מיטאג ווער איך מיד, לייג איך מיך נאר אויף א שעה, איז שוין ווידער קען מען נישט שלאפן ביינאכט, וכן הלאה וכן הלאה, הגלגל חוזר, חד גדיא חד גדיא.

ווען מ'האט סייעתא דשמיא גייט מען נישט שלאפן בשום אופן מיטאג, דעמאלס מוז מען שלאפן פרי ביינאכט, איז צומארגנס אלעס אנדערש ב"ה.

איך דארף לייגן זייער א שטארקע דגש אויף די ענין כדי איך זאל נישט צוקומען שנעל צו א מצב וואס ברענגט מיט צו נערוועזקייט/אנגעצויגנקייט/מיד'קייט המביא לידי לאסט.

זייער אינטערסאנט,

ביי מיר איז דאס זייער זייער ענדליך דער גלגל החוזר, נאר מיט איין שינוי, אז איך מוז נישט אויפשטיין צייטליך זונטאג אינדערפרי, שטייט מען אויף אין טאג אריין, לויפט מען אגאנצן צייט נאך דעם טאג, און איך לייג מיר נישט פאר 3 / 4 אזייגער, וחוזר חלילה.

אלעס פון איין נאכמיטאג דרימל.

============================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך יום ליבשה - י"ז טבת התשפ"ב 5:51 PM

---

קול צהלה ורנה, איך בין זייער העפי און גליקליך אז רבי נישט שפעט איז שוין צוריק אריינגעשפרינגען אינעם פולן שוואנג, נאכן אונז איבערלאזן פאר א טאג, און יעצט איז ער שוין דא צוריק מיט זיינע פולע באגאזשן מיט חיזוק פאר אונזערע לייט.

ברוך ה', איך קוק זייער שטארק ארויס אויף רבי נישט שפעט'ס רעספאנסעס צום עולם, ער געט געוואלדיגע חיזוק און שטארקייט, מלא וגדוש.

============================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך Helpmeasap - י"ח טבת התשפ"ב 11:34 AM

---

ביי מיר איז זונטיג אויך א גרויסע פראבלעם ווען איך ארבעט........

============================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך Helpmeasap - י"ח טבת התשפ"ב 11:35 AM

---

ווי האלט הר"ר נישט שפעט אויפן וועלט ?

============================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך BeVeryStrong - י"ח טבת התשפ"ב 12:21 PM

---

נישט שפעט! דיין פנים שטראלט, א נחת צו קוקן אויף דיר!

וכן יעזור השם להלאה

============================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך נישט שפעט - י"ט טבת התשפ"ב 10:01 AM

---

**שלום וברכה טייערע חברים**

**די שבת וועט מיר קומען א מזל טוב ב"ה, לכבוד מיין ערשטע "יום הבהיר" פון אנקומען צו קהילה קדושה הד"א, ביום כ"א טבת תשפ"א.**

העמער נישט מאריך זיין, ווי יעדער ווייסט און פארשטייט, האב איך נאך נישט זוכה געווען אנקומען צו א מצב פון טוהן שטארקע יסודות'דיגע טריט אדער א געוויטסע קלארע מהלך. איך בין מיך מחזק מזמן לזמן מיט פארשידענע חיזוקים, אמאל העלפטס עס א לענגערע צייט און אמאל א קערצערע.

וועלן וואלט איך זיכער געוואלט זיך אינגאנצן ארויס זעהן, אבער איך גלייב אז די אייבישטער פירט די וועלט, און ער פירט מיך, קליינע מענטשעלע, מיט די זעלבע הנהגה וואס ער פירט די שמים וארץ, שמש וירח, שבעה רקיעים והתהום מתחת, מלאכים ושרפים, חיות בהמות עופות ודגים, ימים ומדבריות. ער האט מיר אינזין יעדע רגע און ער נעמט נישט אראפ א אויג פון מיר.

**דערוייל גלייב איך באמונה שלימה אז די אייבישטער האט נחת רוח פון מיין עבודה לויט מיין איצטיגע מצב, פון מיין רצון און שאיפה און השתוקקות, מיינע התגברות, מיינע התחזקות אין שווערע טעג אדער נאך א גליטש, מיינע שמירת עינים, מיינע פעולות שונות און גדרים וסייגים וואס איך טוה מזמן לזמן כדי זיך קענען האלטן ריין.**

**און איך מוז זאגן מיט א הייסע הארץ און נאסע אויגן, אז ווען איך קוק מיך אום אויף די לעצטע יאר, שפיר איך זייער זייער פרייליך, לבי ובשרי ירננו אל א-ל חי! יישר כח הייליגע טאטע, מיין טאטע וואס האט מיר אזוי ליב. מיין טאטע וואס האט מיר אלעמאל ליב געהאט.**

**איך קען ענדיגן א יאר מיט "בלויז" 20 נפילות בערך בהוז"ל! ענק ווייסן וואס דאס מיינט פאר מיר, וואס כ'פלעג נכשל ווערן מיט דעם צענדליגע צענדליגע מאל א יאר, און יארן וואס זיכער ארום 150 מאל און אפילו מער ווי דעם!!**

איך האב נאך וואס צוטוהן, אבער איך טאר נישט זיין א כופר בטובתו של מקום וואס**האט מיר אהער געברענגט, און באגלייט מיר דא מיט א סארט "מהלך" וואס ער ווייסט אז פאר מיר איז דאס די בעסטע, עס קען נישט זיין פאר מיר עפעס בעסער ווי דעם!**קען זיין אז מיט די צייט וועט ער ליכטיג מאכן מיינע אויגן זעהן אז איך דארף טוהן דעמאלס אנדערע מהלכים, וועט ער מי זיכער געבן דעמאלטס די כח און די קראַרדזש עס טוהן.

און איך רעד שוין נישט פון א געוואלדיגע שינוי לטובה ברוחניות די לעצטע יאר. די דאוונען האט זיך זייער שטארק געטוישט לטובה! מיין לערנען איז חשוב'ער! די התנהגות אין שטוב ווערט לעצטנס בעסער.

**אבער בכלל שפיר איך א געוואלדיגע שינוי אין מיין פנימיות, וויסן ווער "איך" בין, איך האב מיך נישט פאנט, איך וייס ווי חשוב און הייליג איך בין מצד עצמיותי אלס א קינד פון בוכ"ע - און ס'בכלל נישט קיין סתירה צו דעם אז מ'דארף זיך פארבעסערן.**

איך טראכט אסאך ווייניגער וואס אדערע וועלן זאגן/קוקן אויף מיר.

ווען איך קוק מיך אויף צוריק, זעה איך ב"ה א געוואלדיגע שינוי, און וויאיך האב שוין אמאל געשריבן.

ס'דא נאך א סאך וואס מאריך זיין, אבער ויאמר לקוצר"ים ה' עמכם, וועל איך מקצר זיין.

**אבער דאס יאו: טייערע חברים, ענק זענען מיין נשמה און מיין הארץ.**

**איך קען נישט פורט זיין אלע בשמותם, אבער ווען נישט ענקער איבערגעגעבנקייט צו מיר, ענקער געדולד, ענקער אמתע געפיל און אהבה, ענקער "פארשטיין" - וואלט איך שוין בדרך הטבע לאנג צוריק געפאלן.**

**וויל איך ענק זאגן: יישר כוחכם, נאר די אייבישטער קען ענק באצאלן.**

===============================================================================

---

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך שיע - י"ט טבת התשפ"ב AM 11:16

---

WOW

עס גלייבט זיך קוים אז מען האלט שוין א יאר צייט זייט עס האט זיך אנגעהויבן מיין ידידות מיט הרה"צ נישט שפעט.

נישט דורך מסתם א טאג וואס אונז האט נישט צוזאמען געשמועסט ראון פארברענגט

מיין סעברייעטי הייגט איז אויך דיר צי פארדאנקען וויפל חיזוק אין שטארקייט האסטו מיר אלאמל באגאסן. אשרך דיין זכות איז גרויס

אין אזוי אויך וויפל די העלפסט ארויס פאר די הצלחה פון די סייט סיי מיט די אימעיל יעדע וואך וואס די ביסט אייביג גרייט צי העלפן, אין סיי מיט אנדערע זאכן.

זאל דיר גאט ברוך הוא ווייטער העלפן איך בין פריילעך פאר דיר ביסט א גוטער מענטש.

============================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך WillKeepHoping - י"ט טבת התשפ"ב AM 11:20

---

מזל טוב ידידנו הרב נישט שפעט צו דיין געבורטס טאג.

דער אייבישטער זאל דיר משפיע זיין פיל גוטס אין אלע ענינים.

איך שטים צו צו אלעס וואס שיעלע האט געזאגט.

חזק ונתחזק!!!!

============================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך נאר בשמחה - י"ט טבת התשפ"ב AM 11:42

---

זייער ווארעם און הארציג טייערע נישט שפעט נ''י

איך מיין ס'דא עטליסט א מנין אידן, אויב נישט מער, ואני הק' בתוכם, וואס האבן צו פארדאנקען זייער דא זיין מיט א

התחזקות אפי' נאך א פאל, אדער אויף נישט צו פאלן, פאר דעי גוטע שליח פונעם אייבערשטען, ידידינו הרה''צ שליט''א. וויפיל חיזוק ס'האט זיך שוין ארויסגעגאסן פון זיין פעדער! וויפיל פערל ווערטער ס'רינט פון זיין מויל ווען מ'רעדט מיט אים!

איז אפשר דארף מען מאכן יעדער זאל קענען אויף איין מאל ארייינקומען און זיך באדאנקען פאר אים, אז נישט וועט נישט נעמען קיין עק....

טייערע חבר,

דו האסט נישט נאר דיינע טעג, דו האסט אויך אסאך טעג פון דיינע חברים!

דו האסט אויפגעלעבט דעי סייט!

דו לייגסט אריין ארבעט אין די אימעילס!

ישלם ה' פעלך, מיט אסאך ריינע טעג

===========================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך alefbeisveis - י"ט טבת התשפ"ב 11:49 AM

---

נישט שפעט געשריבן on י"ט טבת התשפ"ב 10:01 AM**:**

**שלום וברכה טייערע חברים**

**די שבת וועט מיר קומען א מזל טוב ב"ה, לכבוד מיין ערשטע "יום הבהיר" פון אנקומען צו קהילה קדושה הד"א, ביום כ"א טבת תשפ"א.**

העמער נישט מאריך זיין, ווי יעדער ווייסט און פארשטייט, האב איך נאך נישט זוכה געווען אנקומען צו א מצב פון טוהן שטארקע יסודות'דיגע טריט אדער א געוויטסע קלארע מהלך. איך בין מיך מחזק מזמן לזמן מיט פארשידענע חיזוקים, אמאל העלפטס עס א לענגערע צייט און אמאל א קערצערע.

וועלן וואלט איך זיכער געוואלט זיך אינגאנצן ארויס זעהן, אבער איך גלייב אז די אייבישטער פירט די וועלט, און ער פירט מיך, קליינע מענטשעלע, מיט די זעלבע הנהגה וואס ער פירט די שמים וארץ, שמש וירח, שבעה רקיעים והתהום מתחת, מלאכים ושרפים, חיות בהמות עופות ודגים, ימים ומדבריות. ער האט מיר אינזין יעדע רגע און ער נעמט נישט אראפ א אויג פון מיר.

**דערוייל גלייב איך באמונה שלימה אז די אייבישטער האט נחת רוח פון מיין עבודה לויט מיין איצטיגע מצב, פון מיין רצון און שאיפה און השתוקקות, מיינע התגברות, מיינע התחזקות אין שווערע טעג אדער נאך א גליטש, מיינע שמירת עינים, מיינע פעולות שונות און גדרים וסייגים וואס איך טוה מזמן לזמן כדי זיך קענען האלטן ריין.**

**און איך מוז זאגן מיט א הייסע הארץ און נאסע אויגן, אז ווען איך קוק מיך אום אויף די לעצטע יאר, שפיר איך זייער זייער פרייליך, לבי ובשרי ירננו אל א-ל חי! יישר כח הייליגע טאטע, מיין טאטע וואס האט מיר אזוי ליב. מיין טאטע וואס האט מיר אלעמאל ליב געהאט.**

**איך קען ענדיגן א יאר מיט "בלויז" 20 נפילות בערך בהוז"ל! ענק ווייסן וואס דאס מיינט פאר מיר, וואס כ'פלעג נכשל ווערן מיט דעם צענדליגע צענדליגע מאל א יאר, און יארן וואס זיכער ארום 150 מאל און אפילו מער ווי דעם!!**

איך האב נאך וואס צוטוהן, אבער איך טאר נישט זיין א כופר בטובתו של מקום וואס**האט מיר אהער געברענגט, און באגלייט מיר דא מיט א סארט "מהלך" וואס ער ווייסט אז פאר מיר איז דאס די בעסטע, עס קען נישט זיין פאר מיר עפעס בעסער ווי דעם!**קען זיין אז מיט די צייט וועט ער ליכטיג מאכן מיינע אויגן זעהן אז איך דארף טוהן דעמאלס אנדערע מהלכים, וועט ער מי זיכער געבן דעמאלטס די כח און די קראַרדזש עס טוהן.

און איך רעד שוין נישט פון א געוואלדיגע שינוי לטובה ברוחניות די לעצטע יאר. די דאווענען האט זיך זייער שטארק געטוישט לטובה! מיין לערנען איז חשוב'ער! די התנהגות אין שטוב ווערט לעצטנס בעסער.

**אבער בכלל שפיר איך א געוואלדיגע שינוי אין מיין פנימיות, וויסן ווער "איך" בין, איך האב מיך נישט פאנט, איך ווייס ווי חשוב און הייליג איך בין מצד עצמיותי אלס א קינד פון בוכ"ע - און ס'בכלל נישט קיין סתירה צו דעם אז מ'דארף זיך פארבעסערן.**

איך טראכט אסאך וויניגער וואס אדערע וועלן זאגן/קוקן אויף מיר.

ווען איך קוק מיך אויף צוריק, זעה איך ב"ה א געוואלדיגע שינוי, און וויאיך האב שוין אמאל געשריבן.

ס'דא נאך א סאך וואס מאריך זיין, אבער ויאמר לקוצר"ים ה' עמכם, וועל איך מקצר זיין.

**אבער דאס יא: טייערע חברים, ענק זענען מיין נשמה און מיין הארץ.**

**איך קען נישט פורט זיין אלע בשמותם, אבער ווען נישט ענקער איבערגעגעבנקייט צו מיר, ענקער געדולד, ענקער אמתע געפיל און אהבה, ענקער "פארשטיין" - וואלט איך שוין בדרך הטבע לאנג צוריק געפאלן.**

**וויל איך ענק זאגן: יישר כוחכם, נאר די אייבישטער קען ענק באצאלן.**

WOW!!!

=================================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך יונה מצאה - י"ט טבת התשפ"ב 11:50 AM

---

נו מאך א חשבון. איין יאר 1700 תגובות.

וויפיל ריינע טעג איז געווען אין דעם יאר. איך גלייב אז מער ווי א יאר בעפאר.....

וויפיל אידן האבן געשעפט חיזוק פון דיינע רייכע מאמרים.

זאל דיר דער באשעפער באשענקן א געזונט גליקליך פרייליכע געשמאקע ריינע לעבן. זאלסט זיך קענען מדבק זיין אין רבש"ע ובמצוותיו. מיר זאלן זיך קענען פרייען צוזאמען מיט משיח צדקינו בב"א...

יונה'לע

=================================================================
================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך יום ליבשה - י"ט טבת התשפ"ב 3:55 PM

---

הייליגע רבי נישט שפעט שליט"א, מיר קוקן ארויס אויף דיין הצלחה, אלע *אונזערע לייט* קוקן ארויס בכליון עינים צו הערן פון דיר, מיר האלטן מיט דיין גבורת הנפש, דיין ריזיגע מלחמה זיך צו האלטן ריין.

און מיר האבן זייער ליב צו לערנען דיינע מאמרים וואס זענען משיב את הנפש

=================================================================
================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך BeVeryStrong - כ' טבת התשפ"ב 1:16 AM

---

מיין הארציגער חבר, נאך מיין ערשטע גליטש אויף הדא איז געווען עולם חשך בעדי.

נישט שפעט, ווען נישט דיר ווייס איך נישט ווי אויף די וועלט איך וואלט יעצט געווען, איך מיין אז דו האסט מער ריינע טעג די יאר, פון וויפיל טעג עס זענען דא אין א יאר אדער אפילו אין צען יאר, זכות הרבים תלוי בך!

חוץ מזה ווען מ'גיט זיך נאך און מ'לעבט אן א חשבון און מ'פאלט דורך, האט מען דעם טאג נישט געהאט ריין. אבער ווען מ'לעבט מיט א חשבון, אפילו אויב למעשה איז מען יא אדורכגעפאלן גייט מען אדורך גאר שווערע וואכן, טעג, שעות און מינוטן וואס ממש מ'צוברעכט זיך למען כבוד שמו יתברך.

תמצית: לעבן ריין איז יעדער מינוט ווי א טאג, יעצט מאך דעם חשבון...

מיט שעצונג

געדענק ~ BeVeryStrong

=================================================================
================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך נישט שפעט - כ"ב טבת התשפ"ב 9:03 AM

---

שכוח פאר אלע חברים אויף די ווארעמע חיזוק און פאר משתתף זיין מיט מיין שמחה.

ב"ה מ'האלט היינט ביי**60 ריינע טעג**וואס די אייבישטער האלט מיר.

ס'שטייט פון רבי'ן פון לובלין זי"ע, אז ווען משה רבינו האט געזאגט**מי אנכי כי אלך אל פרעה**, זעהט מען נישט די אייבישטער זאל אים ענטפערן, משה דו ביסט יא ראוי!

ווייל די אייבישטער האט געוואלט אז משה זאל ווייטער בלייבן מיט די ידיעה אז ער קען נישט, און אז נאר די אייבישטער טוהט אלעס, כי אהיה עמך וגו'.

מיר דארפן זיך כסדר מחזק זיין מיט די ידיעה.

================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך BeVeryStrong - כ"ו טבת התשפ"ב 11:48 PM

---

נסים גלויים!

קל מסתתר טאקע, אבער ווען מ׳זעט אזא נומבער אויפן טשארט אז דא גלייך שטייט דער רבונו של עולם!

================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך נישט שפעט - ד' שבט התשפ"ב 1:30 PM

---

געלערנט היינט אין גמרא מגילה דף כ"ה

אז די פרשה פון "יהודה ותמר" מעג מען ליינען און אויך מתרגם זיין, אז די פשוטע מענטשן זאלן עס אויך פארשטיין.

איי לכאורה איז דאס א ביזיון פאר יהודה?

זאגט די גמרא: "שבחיה הוא, דאודי". דהיינו, ווייל ער האט מודה געווען און געזאגט אז תמר איז גערעכט,**איז דאס געווארן זיין שבח!!**

**ס'איז א מוראדיגע זאך ווען מ'טראכט אריין.**

די מעשה איז דאך - בפשטות שבפשטות - א ריכטיגע "הדא מעשה", און מיט דעם וואס יהודה האט מודה געווען, איז נישט נאר אז ס'איז נתכפר געווארן נאר ס'איז גאר געווארן זיין "שבח".

**דאס איז זייער א שטארקע חיזוק.**

אה"נ איך שפיר נאך נישט אז איך וויל מ'זאל ליינען שבת אין בית מדרש כל מעשה תקפו של נישט שפעט, אבער א שטארקע חיזוק איז עס, אז די רגע וואס אונז כאפן זיך וואס מ'האט געטוהן, מ'איז מודה ומתוודה און מ'וויל ווערן ריין און וואויל, ווער אונזער פארגאנגענהייט גאר א נייע "שבח"!!

**ווען מ'איז מודה און מכיר וואס מ'האט געטוהן, איז די עבר נישט קיין בושה.**

==========================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך BeVeryStrong - ז' שבט התשפ"ב 3:01 AM

---

די שטארט בלייבט נישט שטיין, די נומבער איז גאר גוט!

==========================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך נישט שפעט - ט' שבט התשפ"ב 1:02 PM

---

זייענדיג נעכטן ביי די פלאץ וואו איך טוה די עקסעסייז, זאגט מיר דער וואס איז ממונה אויף מיר, איך זאל טוהן אזוי: זיך לייגן אויף די ערד, אויף פיר, און אויסשטרעקן אויף איין מאל מיין רעכטע האנט און לינקע פיס, נאך דעם עס אראפ לייגן און טוהן די זעלבע מיט די לינקע האנט און רעכטע פיס, וחוזר חלילה, צוואנציג מאל.

איך, גרויסער חכם, האב געוואלט ווייזן וואס איך קען, האב איך עס אנגעהויבן מאכן שנעל, איינס צוויי, ארויף אראפ, אראפ ארויף...

זאגט מיר יענער: העלא העלא, אפשר ביסטו רואיג...

איך קוק אים אן מיט גרויסע אויגן: פארוואס נישט? איך וויל אריין כאפן שנעל, ווי מער...

ענטפערט ער: כ'על דיר מסביר וואס די ציל איז. איך וויל דיין גוף זאל זיך קענען האלטן מיט א שטארקייט, אפילו אויב דו וועסט שטיין אויף איין פיס זאלסטו זיך קענען האלטן אן דיין גוף זיך שאקלען צו אלע זייטן. ממילא טוה עס שטייט, הייב אויף די רעכטע האנט און לינקע פיס, לאז עס אפאר סקונדעס אין די הייעך, נעם עס אראפ שטאט, און הייב אויף די לינקע האנט און רעכטע פיס, שטאט, רואיג, פארזיכטיג, און זעה דיין גוף זאל בלייבן ווי מער גלייך און נישט זיך מיט שאקלען צו אלע זייטן.

עס שטייט 'מכל מלמדי השכלתי'. דאס איז מיר געווען א שטארקע לימוד לגבי ריקאווארי בכלל.

בדרך הטבע, ווען א מענטש הייבט אן טוהן פעולות אויף זיך אוועק שטעלן, בפרט בענין התאוה, וויל ער כאפן שנעל שנעל, ער וויל זיך שוין ארויס זעהן אינגאנצן דורך טוהן שנעלע טריט. מ'פארגעסט אז א געוואוינהייט וואס איז מושרש אין אונז אזוי פיל צייט, ביז ס'ווערט אמאל שוין ווי א טבע שני, און בפרט אזא סארט געוואוינהייט וואס באנעמט די גאנצע רמ"ח און שס"ה מיט מוראדיגע געפילן - קען מען נישט טוהן מיט ווילדע טריט.

מ'דארף רואיג דורך טראכטן וואס אונזער לאסט איז, וואס איז אונזער טריגער, וואס אונזערע מכשולות זענען, מיט וואס קענען אונז אנהייבן גיין סטעפ נאך סטעפ, וועלכע זאך מוז מען יא טוהן גלייך איינס צוויי, איבער קלערן די מהלכים, זיך דורך שמועסן מיט חברים לתועלת יודעי דבר. און די עיקר האבן געדולד! נישט ווערן פארלוירן נאך א גליטש, ארבעטן מיט

ישוב הדעת.

ווען מ'וויל זיך אוועק שטעלן, מיר זאלן קענען שטיין מיט א פעסטקייט, דארף מען ארבעטן מיט ישוב הדעת. מיט א קלארע מוח.

============================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך נישט שפעט - י"ד שבט התשפ"ב 1:52 PM

---

טייערע ברודער ידידים נאמנים

לאמיר זיין א מבשר טוב!

דער הייליגער באשעפער, מיין ליבער טאטע וואס באגלייט מיר מיט חסדים ורחמים מאז ומתמיד,**האט מיר מזכה געווען און געגעבן די רצון און כח זיך איינשלוסן אין א 12 סטעפס גרופ!**

אילו פינו מלא שירה כים ולשוננו רנה כהמון גליו קען איך נישט גענוג דאנקען דעם אייבישטער.

פארן מיר אהער ברענגען דא אין הד"א איבער א יאר צוריק, וואס פון דעמאלטס האבן שוין זאכן אנגעהויבן טוישן לטובה ב"ה, און יעצט האט ער מיר געגעבן די כח טוהן די טריט וואס וועט מיר בעז"ה שטארק מקרב זיין צו אים און אויסגראדן מיין מוח קענען לעבן וויאזוי ער ית"ש וויל פון מיר. איך זאל מיך קענען אונטער געבן צו אים בשלימות גמורה און וויסן אז נאר ער פירט מיין גאנצע לעבן לפרטי פרטים, און וויאזוי ער וויל אזוי וועט זיין.

הייליגע טאטע, שכוח! באגלייט מיר ווייטער מיט אן אופן איך זאל זעהן דיינע חסדים מיט מיר!

**הייליגע ליבער טאטע, העלף מיינע אלע טייערע חברים דאהי, חברים בלב ונפש, שיק פאר יעדעם איינעם פון זיי די דעת ותבונה וויסן וואס זיי דארפן צוטוהן, און זיי זאלן האבן די כוח און מוח דאס טוהן, בשמחה וטוב לבב. קוק אן זייערע לבבות משתוקקים וכמהים לקרבת אלקים, און שיק זיי דיין רעכטע האנט.**

שכוח חברים פארן מיר באגלייטן ביז אהער מיט אזויפיל געטריישאפט, מיט געפיל, מיט אהבה, מיט חיזוק און תפילה, מיט עצה טובה און הדרכה!

שכוח חברים יקרים פון די מיטינג.

שכוח מיין ידי"נ טייערע ליבע ספאנסער!!!

שלי - שלכם הוא.

ווען נישט די כח הרבים, כח החבורה, ווייס איך נישט וואו איך וואלט געהאלטן.

חזקו ואמצו

============================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך BeVeryStrong - ט"ו שבט התשפ"ב 11:54 PM

---

.

וואאאאאאאס?????......

איך בין שטום

איך גלייב נישט וואס מיינע אויגן זעען

והעיקר ~ BeVeryStrong

=============================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך געטרייע יוד - ט"ז שבט התשפ"ב 12:46 AM

---

הצלחה!!! אסאך האבן זאלסט!!! געוואלדיג סטעפס די צוזאמענמיט חיזוק דיין גייען מיר קימען צייטן גיטע Wow!!!

=============================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך נטע׳לע - ט"ז שבט התשפ"ב 12:58 AM

---

נישט שפעט געשריבן on י"ד שבט התשפ"ב 1:52 PM**:**

טייערע ברודער ידידים נאמנים

לאמיר זיין א מבשר טוב!

דער הייליגער באשעפער, מיין ליבער טאטע וואס באגלייט מיר מיט חסדים ורחמים מאז ומתמיד,**האט מיר מזכה געווען און געגעבן די רצון און כח זיך איינשלוסן אין א 12 סטעפס גרופ!**

אילו פינו מלא שירה כים ולשוננו רנה כהמון גליו קען איך נישט גענוג דאנקען דעם אייבישטער.

פארן מיר אהער ברענגען דא אין הד"א איבער א יאר צוריק, וואס פון דעמאלטס האבן שוין זאכן אנגעהויבן טוישן לטובה ב"ה, און יעצט האט ער מיר געגעבן די כח טוהן די טריט וואס וועט מיר בעז"ה שטארק מקרב זיין צו אים און אויסגראדן מיין מוח קענען לעבן וויאזוי ער ית"ש וויל פון מיר. איך זאל מיך קענען אונטער געבן צו אים בשלימות גמורה און וויסן אז נאר ער פירט מיין גאנצע לעבן לפרטי פרטים, און וויאזוי ער וויל אזוי וועט זיין.

הייליגע טאטע, שכוח! באגלייט מיר ווייטער מיט אן אופן איך זאל זעהן דיינע חסדים מיט מיר!

**הייליגע ליבער טאטע, העלף מיינע אלע טייערע חברים דאהי, חברים בלב ונפש, שיק פאר יעדעם איינעם פון זיי די דעת ותבונה וויסן וואס זיי דארפן צוטוהן, און זיי זאלן האבן די כוח און מוח דאס טוהן, בשמחה וטוב לבב. קוק אן זייערע לבבות משתוקקים וכמהים לקרבת אלקים, און שיק זיי דיין רעכטע האנט.**

שכוח חברים פארן מיר באגלייטן ביז אהער מיט אזויפיל געטריישאפט, מיט געפיל, מיט אהבה, מיט חיזוק און תפילה, מיט עצה טובה און הדרכה!

שכוח חברים יקרים פון די מיטינג.

שכוח מיין ידי"נ טייערע ליבע ספאנסער!!!

שלי - שלכם הוא.

ווען נישט די כח הרבים, כח החבורה, ווייס איך נישט וואו איך וואלט געהאלטן.

חזקו ואמצו

גאט זאל זיין מיט דיר!!!

איך בין העפי פאר דיר!!!

==============================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך שומר עינים - ט"ז שבט התשפ"ב 11:42 AM

---

מיין טייערער הארציגער באליבטער חבר הרב נישט שפעט !!!

**מיין שמחה פאר דיר דערגרייכט ביזן זיבעטען הימל !!!!**

**איך וויל זיך ממש ארויסלאזן אין א קעדאטשקע דא ביי מיר אין אפיס !!!**

דו האסט ממש געמאכט מיין טאג !!! הערנדיג די פרייליכע נייעס אז השי"ת האט דיר געהאלפן זיך געבן א געזינטן ריק.

ס'בלייבט נאר איבער דיר צו געבן מיין ברכת הדיוט אז זאלסט טאקע שטענדיג זוכה זיין צו גלייבן און צו שפירן דעם באליבטן טאטן אין הימל וואס שטייט ממש נעבן דיר א יעדע רגע, און האלט דיר אונטער ווי א קינד אויף א מאמע'ס שויס. און זאלסט זוכה זיין בשלימות ארויסצוגיין פון דיינע מצרים, און זאלסט זוכה זיין ווייטער דא צו משפיע זיין בקרב קהלתינו הקדושה לאורך ימים ושנים טובות.

============================================================================

ענטפער: שווין העכט די צייט
געמאלדן דורך WillKeepHoping - כ"א שבט התשפ"ב 9:50 AM

---

איך וויל אויסדריקן מיינע פערזענליכע געפילן און ווינטשן פאר אונזער טייערער הרב נישט שפעט א דרך צלחה, ס'פריידט זייער צו הערן דיין גוטע בשורה, איך ווונטש דיר דער הייליגער באשעפער זאל זיין מיט דיר!!!

============================================================================

ענטפער: שווין העכט די צייט
געמאלדן דורך יוד - כ"א שבט התשפ"ב 11:47 AM

---

די ביסט א געוואלדיגע חיזוק פאר'ן עולם. חזק !!! דרך צלחה!

============================================================================

ענטפער: שווין העכט די צייט
געמאלדן דורך א. גרין - כ"א שבט התשפ"ב 2:25 PM

---

**[יוד געשריבן on כ"א שבט התשפ"ב 11:47 AM]:**

די ביסט א געוואלדיגע חיזוק פאר'ן עולם. חזק !!! דרך צלחה!

============================================================================

ענטפער: שווין העכט די צייט
געמאלדן דורך נישט שפעט - כ"ג שבט התשפ"ב 9:02 AM

---

אודה ה' מאד בפי בתוך רבים אהללנו, וואס ברוב טובו וחסדו האלט ער מיר ריין **90**טעג ברציפות. דאס איז בנוסף צו די לענגערע ריינע תקופות וואס איך האב געהאט פון ווען איך בין אריין אין הד"א. און בנוסף צו אלע חסדים וטובות וואס ער טוהט מיר כסדר אויף יעדן טריט און שריט.

במיוחד וויל איך לויבן אויף די לעצטע תקופה, וואס די ריינקייט און פילינג איז אויף א העכערע פארנעם. מיט א שטארקע טויש אין די מוח און די מהלך המחשבה. איך זאג ארויס בפה מלא, הגם ס'איז פשוט, אז דאס אלעס איז נאר דורך דער הייליגער באשעפער.

ובנוסף לכל זאת, אז איך האב זוכה געווען לעצטנס אנהייבן מיט-האלטן די פיפי מיטינג מיט די מהלך פון די 12 סטעפס, און ארבעטן מיט א גאלדענע ספאנסער. איך בין נאך בתחילת הדרך, אבער די פילינג פון גיין אויף א אויסגעטרוויטענע וועג, וואס רבים וטובים זענען געהאלפן געווארן דורך איר, איז ממש נישט צו ביישרייבן.

איך זאג און איך בעהט דעם הייליגן באשעפער: עד הנה עזרונו רחמיך ולא עזבונו חסדיך ה' אלקינו, ואל תטשנו ה' אלקינו לנצח.

*

בחדא מחתא וויל איך דאנקען פון טיפן הארץ פאר אלע טייערע ליכטיגע חברים, פארן אלטן קשר און זיך מחזק זיין אין איינעם. ווען נישט די כח החבורה וואלט איך זיכער שוין לאנג נישט דא געווען. חזקו ויאמץ לבבכם.

און א בקשה צום הייליגן באשפער: העלף דיינע ליכטיגע קינדער וואס דרייען זיך דא! זייער עצם זיין דא ווייזט דאך ארויס זייער הייליגער מהות, זייער הייליגע נשמה! זייער אמת'ע "איך"! זיי זענען גרייט רייסן שטיקער און גיסן בלוט, מוותר זיין אויף באקוועמליכקייטן און זיך אריין ליין אין גדרים וסייגים! העלף זיי און עפן זייערע אויגן ווי שנעלער, זיי זאלן בקרוב ארויס האבן אמתדיג זייער מצב און טרעפן די וועג וואס העלפט זיי!

===========================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך שיע - כ"ג שבט התשפ"ב 9:47 AM

---

**סימן טוב ומזל טוב יהי לנו ולכל בית הד"א!!!!!**

**די הרגשים זענען אנגעצינדען אויפן העכסטן גראד, ווען אין די היינטיגע טאג איז ידידי וידיד כל בית הד"א הקדוש ומזכה את הרבים הצדיק נישט שפעט, אריינגעגאנגען  אין די "נייציגסטע טאג פון טהרה" עס גלייבט זיך שווער אז מען האלט שוין דא.**

**יא, אונזער ידיד האט אונז געוויזען אז עס איז קיינמאל נישט שפעט נאר אז מען האלט ביים ארבעטען, אין מען טוט וואס עס פארלאנגט זיך העלפט ג-ט ברוך הוא.**

**אונז ווען נישט פארגעסן ווען נישט שפעט יעדע מאל ער האט געהאט  א שווערע טאג ער האט  גלייך  אנגעהויבן מיט דיבוק חברים נישט איינגערוהט ביז זאכן האבן אנגעהויבן פארן ראויגער.**

**די זעלבע ווען ער האט געזעהן אז א אנדערער דארף א שטופ אדער חיזוק ווארט האט ער אנגעהויבן פארגיסן טונט אנגעפילט מיט דברי חיזוק  אבי יענער קענען זאל אויפלעבן אין באקומען כוחות צי בלייבן סאבער.**

**אשרך!!!! נישט שפעט!!!!**

**בזכות, דעס אלעס וואס די טוסט ,אין די עיקר דיין שטארקייט אין גרייטקייט צי טוען אלעס אין דער וועלט צי בלייבן סאבער אין ריין, זאל דיר ג-ט געבן אלעס גוט אין זאלסט קענען בלייבן סאבער ביז 120 יאר, איין טאג אויפאמאל!!!**

===========================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך WillKeepHoping - כ"ג שבט התשפ"ב 12:53 PM

---

שיע געשריבן on כ"ג שבט התשפ"ב 9:47 AM:

**סימן טוב ומזל טוב יהי לנו ולכל בית הד"א!!!!!!**

**די הרגשים זענען אנגעצינדען אויפן העכסטן גראד, ווען אין די היינטיגע טאג איז ידידי וידיד כל בית הד"א הקדוש ומזכה את הרבים הצדיק נישט שפעט, ארייגעגאנגען אין די "נייציגסטע טאג פון טהרה" עס גלייבט זיך שווער אז מען האלט שוין דא.**

**יא, אונזער ידיד האט אונז געוויזען אז עס איז קיינמאל נישט שפעט נאר אז מען האלטביים ארבעטען, אין מען טוט וואס עס פארלאנגט זיך העלפט ג-ט ברוך הוא.**

**אונז וועלן נישט פארגעסן ווען נישט שפעט יעדע מאל ער האט געהאט א שווערע טאג ער האט גלייך אנגעהויבן מיט דיבוק חברים נישט איינגערוהט ביז זאכן האבן אנגעהויבן פארן ראוויגער.**

**די זעלבע ווען ער האט געזעהן אז א אנדערער דארף א שטופ אדער חיזוק ווארט האט ער אנגעהויבן פארגיסן טונט אנגעפילט מיט דברי חיזיק אבי יענער קענען זאל אויפלעבן אין באקומען כוחות צי בלייבן סאבער.**

**אשרך!!!! נישט שפעט!!!!**

**בזכות, דעס אלעס וואס די טוסט ,אין די עיקר דיין שטארקייט אין גרייטקייט צי טוען אלעס אין דער וועלט צי בלייבן סאבער אין ריין, זאל דיר ג-ט געבן אלעס גוט אין זאלסט קענען בלייבן סאבער ביז 120 יאר, איין טאג אויפאמאל!!!**

גא'מ צו יעדעס ווארט.

==================================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך Helpmeasap - כ"ג שבט התשפ"ב 2:18 PM

---

סימן טוב ומזל טוב יהא "לנו"

ווען הר"ר נישט שפעט איז זוכה צו אנקומען צו אזא מאמענט איז עס א גוטע סימן פאר אונז אלע !!

איך בין פערזענליך בשמחה וויל לעצטענס האב איך זוכה געווען אים צו טרעפן פנים אל פנים און מען רעדט דא פון די סאמע שענסטע און בעסטע פון כלל ישראל !!!!!!!!

==================================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך טויש - כ"ג שבט התשפ"ב 3:20 PM

---

מזל טוב מיין טייערע חבר הרב "נישט שפעט" שליט"א

עס איז  אגעוואלדיגע שמחה דיין דערגרייכן 90 טעג

אין א וועג איז א סאך א גרעסערע שמחה ווי פאריגעס מאל וואס די (מיר) האסט געפייערט 90 טעג

פארוואס ?

נו ! זאג די !

שוין ... אז די זאגסט נישט העל איך זאגן

 וויבאלד ווי די שטייסט יעצט האט דיר גאט געגעבן א מתנה וואס הייסט "12 סטעפס"  "ספאנסער"

ואידך פירושי זיל גמור.............................

=========================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך יום ליבשה - כ"ג שבט התשפ"ב 3:27 PM

---

מזל טוב!!! מזל טוב!!!

מזל טוב ידיד ה', ידיד נפשי, וידיד נפש כל חי, הייליגער רבי נישט שפעט שליט"א.

איך בין העפי און גליקליך צו דיין נײַנציגער טאג, עס איז א גרויסע שמחה, איך פריי מיך זייער שטארק פאר דיר.

**דו געבסט דיך אייביג אוועק פאר א צווייטן.**

**דו ביזט מתפלל פאר אנדערע.**

**אייביג ביזטו מלמד זכות אויף יעדן איינעם.**

**בנוסף צו דעם לייגסטו אייביג אריין דיין אייגענע עפפארט, יגיעה, אנצוקומען אהער.**

**דו נוצט אויס דיינע מתנות פון באשעפער צו העלפן אנדערע אידן.**

**דו שיינסט אריין אמונה אין חיזוק אין אלע חברים.**

=========================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך BeVeryStrong - כ"ד שבט התשפ"ב 12:17 AM

---

מזל טוב! מזל טוב!

די שמחה איז נישט פשוט, די טיפקייט פון די שטארקע רצון מיט וואס די ניינציג טעג זענען אדורך איז באמת געוואלדיג, דיין שמחה איז אונזער שמחה!

זאל השי"ת באשערן א הייליגער ריינע לעבן מעתה ועד עולם

================================================================

ענטפער: שוין העכט די צייט
געמאלדן דורך נישט שפעט - כ"ה שבט התשפ"ב 7:25 PM

---

איך גיי יעצט דורך א שטיקל עגמת נפש

איך בעהט די אייבישטער זאל מיר געבן די כוחות עס דורך גיין בשלום.

איך זאל מיך קענען מחזק זיין מיט אמונה וויסן אז ער ית"ש פירט מיר, און אז ס'איז זיכער נאר פון מיין טובה.

================================================================